

« Nuit de Berlin, les bals scintillent », dit le poète.

### Extraits n°4-5-6 de *Childe-Harold*

# La découverte de la vie berlinoise

***Arrivé à Berlin, Moyshe Kulbak découvre la grande ville. Il se lance à la conquête de la nuit berlinoise…***

## Extrait 4 :

.6

וויוואַט, אייראָפּע! עס האָט דער ים
אַרויסגעוואָרפן מאָסקווער סוחרים אויף קורפירסטנדאַם;
מיליאָנערן, טשעק־ביכער און גאָלד —
און דעם לאָהויסקער טשיילד־העראָלד.
אַ לויב צו יענער גוטער שעה,
ווען ער איז גלייך מיט אַלעמען געפלויגן!
ס'שטייט ליולקעמאַןביים באַנהאָף צאָ
און קוקט אייראָפּע אין די אויגן.
אָ, לאַנד! וואו די עלעקטרע פליסט
אין דראָטן, און אין אָדערן — שאַמפּאַניער;
וואו יעדער אַרבעטער איז אַ מאַרקסיסט,
און יעדער קרעמער איז אַ קאַנטיאַנער.

Europe, vivat ! Vomis par la mer
Sur le Kurfürstendam les marchands de Moscou,
L'or, les chéquiers, les millionnaires
Et le Childe-Harold de province.
Gloire à cette heure où il prit son élan
En même temps que tous les autres !
L'homme à la pipe, à la station du Zoo,
Regarde dans les yeux l'Europe.
O pays ! le flux électrique y chante,
Champagne dans les veines et les fils
Chaque ouvrier est ici un marxiste,
Tout boutiquier un disciple de Kant.

## Extrait 5 :

.15

בערלינער נעכט. עס בליצן בעלער,
דזשאַז־באַנד אַרום ליולקעמאַנען.
בערלינער נעכט אין די שאַנטאַנען,
האָס קען זיין, חבר, קולטורעלער?
דאָ זיצן געניעס פון די אָפּזאַץ־מערק;
פּאַרשפּיצטע שאַרבנס, הענגעדיקע באַקן,
די שוואַרצע פראַק אויף להבותדיקע קערק,
און רייך־געפּאַלדעוועטע האַלדז־און־נאַקן.
ס'איז איטלעכער א פליישיקע קרעדענץ,
וואו ס'רוישן אידלסטע געטראַנק־סימפאָניעס, —
דער דזשאַז־באַנד שרייט מיט קולות פון קאָלאָניעס
אין שוואַרצע פייערן פון נעגער־טענץ.

Nuit de Berlin, les bals scintillent.
Un jazzband autour de l'homme à la pipe.
Nuit de Berlin dans les cafés concerts,
Est-il, ami, rien de plus culturel ?
Génie en vrac au marché des surplus
Tremblantes bajoues et crânes coniques
Fracs noirs, têtes comestiquées,
Nuques et cous prospères et plissés.
Chacun obèse, est comme une crédence
D'où se répand, l'ivresse-symphonie,
Et le jazz hurle à voix de colonie
Dans les feux noirs et syncopés des danses.

**Extrait 5 (suite)**:

16.

דאָס ווייסע סערוועטל אַרום פֿאַרשטעקט,
עס שפּיגלען זיך די פּליכן אין די טעלער,
עס פֿרירט אין עמערל דאָס פֿלעשל זעקט, —
וואָס קען זיין, חבר, קולטורעלער?
ס'אַראַ געבליץ! ס'אַראַ געזאַנג!
דער טשערי־ברענדי בלוטיקט אינעם גלעזל:
— לעהן דיינע וואַנג אַן מיינע וואַנג,
דו, גרעטכען, מיט דעם זיסן נעזל,
דער דזשאַז־באַנד לייטערט מיין פֿאַרשטאַנד,
דער בויך־טאַנץ מאַכט מיין לעבן העלער!...
ס'זיצט ליוולקעמאַן אין באַר „אַם שטראַנד“, —
וואָס קען זיין, חבר, קולטורעלער?

Serviettes blanches autour du cou, les chauves
Prennent leur fond d'assiette pour miroir,
Et dans les seaux fraîchissent les bouteilles,
Est-il, ami, rien de plus culturel ?
Quelle chanson ! Quel éblouissement !
Le cherry-brandy saigne dans les verres.
Appuie ta joue contre ma joue,
Toi ma Gretchen au nez si doux.
Mon entendement, le jazz l'illumine,
La danse du ventre éclaircit ma vie !...
Au bar Am Strad voici l'homme à la pipe,
Est-il, ami, rien de plus culturel ?

**Extrait 6 :**

19.

ס'הערט ליוולקעמאַן און הערט די דולע צייט:
בערלין פֿאַרגייט זיך אין געשרייען;
דער אַלטער מיכעל אין די גלעקלעך שרייט;
עס שרייען די טעאַטערס און מוזייען.
גראַנאַך יושעט אויף דער וויסטער בינע
אין אַ תּירוף. מאָיסי זינגט,
ווי אַ קראַנקע בלאַסע באַלערינע,
און די געשטאָרבענע פּאָעזיע שטינקט...
עס איז די גסיסה פֿון אַ וויטן ברויזן,
עס איז די מיתה, וואָס איז זיס, —
עקספּרעסיאָניזם שפּרייזט מיט רויטע פֿיס,
דאַדאַ — מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן.

Il écoute, écoute un temps hébété :
Berlin se dissoud dans les cris.
Le vieux Fritz crie dans les clochettes,
Crient les théâtres, les musées,
Hurlent Granach*sur la scène déserte,
Moïssi**hante dans le délire
Pâle, souffrant, comme une ballerine.
Et la poésie morte est puanteur,
C'est l'agonie des fureurs du passé.
Seule la mort est douceur. Déambule
L'expressionnisme aux jambes rouges
Et Dada-pantalon baissé.

* Acteur et metteur en scène du théâtre juif à Moscou et du théâtre allemand à Berlin
** Acteur juif des années vingt à Berlin

**Sources :** Moyshe Kulbak, « Geklibene Verk », éditions Cyco-Bicher Farlag, pp. 232, 237, 239
*Le miroir d'un peuple, anthologie de la poésie yidich, 1870-1970*, textes choisis, traduits et présents par Charles Dobzynski, éditions Gallimard, pp. 279, 281, 282